# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת מקץ תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 410

בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א איד וועקט זיך אויף צו דאווענען און לערנען

"וַיִּיקַץ פַּרְעֹה; וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית" (בראשית מא ד-ה)

דער **קאצקער רבי** האט געזאגט:

אויף יעקב שטייט (לעיל כח טז): "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר". אקעגן דעם אויף פרעה שטייט: "וַיִּיקַץ פַּרְעֹה - וַיִּישָׁן". דאס איז דער אונטערשייד צווישן א איד און א גוי; דער איד וועקט זיך אויף פון זיין שלאף און באלד "ויאמר" - איז ער עוסק אין תורה און תפילה. אבער ווען דער גוי וועקט זיך אויף פון זיין שלאף, דרייט ער זיך איבער אויף די אנדערע זייט און חלום'ט ווייטער... ('אמת ואמונה' אות שסח).

### 'חי פרעה' – בלשון סגי-נהור

"בְּזֹאת תִּבָּחֵנוּ חֵי פַרְעֹה...; וְאִם לֹא חֵי פַרְעֹה כִּי מְרַגְּלִים אַתֶּם" (מב טו-טז)

**רבי חיים וואלאזשינער** וואונדערט זיך: וויאזוי האט זיך יוסף באנוצט פאר פרעה מיטן טיטול 'חֵי פרעה', נאר הקב"ה וואס לעבט אויף אייביג איז געלויבט מיט דער טיטול, אזוי ווי מיר זאגן ביי די ברכה 'ברוך שאמר': "יחיד חֵי העולמים"?

ענטפערט ער, דווקא צוליב דעם האט יוסף דערמאנט דער טיטול; ווייל ער האט עס זאל נישט אויסזען ווי ער שווערט אויף שקר אז זיינע ברודער זענען מרגלים, האט ער דערמאנט אין זיין שבועה דעם טיטול 'חֵי' רעדנדיג פון פרעה, צו זאגן: אזוי ווי דערמאנען דער טיטול אויף פרעה איז אינגאנצן אפגעפרעגט, אזוי אויך באשולדיגן זיינע ברודער אלס מרגלים איז אינגאנצן אפגעפרעגט ('באר חיים' על סידור התפילה, עמ' 82).

### 'קום רדוף אחרי האנשים' בעפאר זיי וועלן זאגן 'תפילת הדרך'

"הַבֹּקֶר אוֹר וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ...; וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם" (מד ג-ד)

מען דארף פארשטיין: פארוואס האט יוסף געדארפט באפוילן פארן שליח זאל 'נאכיאגן' די מענטשן, זיי זענען דאך געגאנגען שטייט מיט אנגעלאדנטע בהמות, וואלט ער זיי גרינגערהייט געקענט דערגרייכן?

אין די גרויסע אוצר הספרים פונעם **'אמרי אמת'** פון גור איז געווען א אלטע כתב יד פון רבי חיים וויטאל וואס ענהאלט אין זיך זיין פירוש און הגהות אויף די מכילתא. אין זיין הקדמה אויף דער חיבור שרייבט רבי חיים וויטאל וואס איז אים אנטפלעקט געווארן אין חלום אלס א ענטפער אויף די אויבנדערמאנטע פראגע:

יוסף האט געבעטן דעם שליח זאל נאכלויפן זיינע ברודער, כדי ער זאל זיי טרעפן בעפאר זיי דערווייטערן זיך פון די שטאט א שיעור פון א פרסה און וועלן זאגן 'תפילת הדרך' (זעה שו"ע או"ח קי ז), ווייל ער האט געוואוסט אז נאכן זאגן 'תפילת הדרך' וועט אים שוין נישט געלונגען ארויפלייגן אויף זיי די שולד פון גניבה (הגרצ"י אבראמאוויטש, קובץ 'נר ישראל' ב [שבועות תשל"ח] עמ' 68).

אויף נאך א וועג האט געטייטש **רבי אברהם געניחאווסקי** אז די סיבה פארוואס יוסף האט געבעטן פון זיין שליח זאל שנעל דעריאגן זיינע ברודער בעפאר זיי וועלן זאגן 'תפלת הדרך', ווייל אויב ער וועט זיי צווינגען צוריק קומען קיין מצרים, נאך וואס זיי וועלן זאגן תפילת הדרך, וועט ער זיי גורם זיין זאגן א 'ברכה לבטלה' (קובץ 'ישורון' כט עמ' שפב).

### א תפילה וואס ווערט געזאגט בשמחה – ווערט אנגענומען

"וְאֵ-ל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת אֲחִיכֶם אַחֵר וְאֶת בִּנְיָמִין" (מג יד)

די חכמים (תנחומא י) לערנען ארויס פון דער פסוק דעם חוב פון מקדים זיין תפילה לצרה; "שהרי יעקב אבינו עדיין היה בנימין אצלו, והקדים להתפלל עליו".

מיט דעם טייטשט דער **'פרי מגדים'** (או"ח תרפב במשב"ז א) אז אויף דעם לויבן מיר אין די חנוכה טעג ביי די תפילה פון 'ועל הניסים' אין די ווערטער: "ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם", צו זאגן: אין די צייטן פון די חשמונאים איז געווען אזא גרויסע עת רצון, און טראץ וואס זיי האבן געדאווענט נאר "בעת צרתם", איז זייער תפילה אנגענומען געווארן.

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אין כאלוקינו

פאר עטליכע יאר בין איך דערוואוסט געווארן פון א אלטן אינטערעסאנטן מדרש וואס ווערט געברענגט אין די כתבי חכמי תימן ('שמן למאור' עמ' כח). דער מדרש איז אונז מגלה די סיבה פארוואס די תפילה 'אין כאלוקינו' וואס מיר זאגן יעדן אינדערפריה ביים ענדיגן דאווענען שחרית, הייבט זיך אן מיט די אותיות 'אמן' - "אין כאלוקינו... מי כאלוקינו... נודה לאלוקינו...", ווייל די תפילה האט מען מתקן געווען אנשטאט ענטפערן 'אמן'. אין די צייטן פון מלכות יון האבן די יוונים גוזר געווען אז די אידן זאלן נישט ענטפערן 'אמן', און ווייל זיי האבן געוואלט עס זאל פארגעסן ווערן פון כלל ישראל די מצוה פון 'אמן' האבן די חכמים קובע געווען עס יא דערמאנען בדרך רמז.

די פאקט אז די יוונים האבן אויסדערוועלט טשעפענען די מצוה פון 'אמן' לערנט אונז איר גרויסע מעלה; די יוונים האבן געוואלט "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", און ווייל זיי האבן פארשטאנען אז דער 'אמן' איז ווי א 'מויער' וואס וואס נעמט ארום דאס אידישע פאלק און ערמעגליכט צו קענען פארזעצן און אנהאלטן מיט מסירות נפש די אמונה און שמירת תורה והמצוות, דעריבער האבן זיי עס געוואלט מבטל זיין.

נאך האב איך געטראכט, פון דעם וואס אין די ספעציעלע תפילה האט מען מתקן געווען דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען אויף עטליכע וועגן ['אלוקנו', 'אדוננו', 'מלכנו' 'מושיענו'] אקעגן יעדע אות פון די אותיות 'אמן', קען מען זיך אפלערנען וויפיל טיפקייט און באדייטונג ליגט אין די ענטפערן אמן.

איינער פון מיינע פריינד האט צוגעלייגט און ערווענט, אז די פאקט אז די מסדרי התפילה האבן אוועקגעשטעלט די תפילה ביי די ענדע דאווענען סימבאלעזירט די באדייט פון ענטפערן אמן, וואס איז א סטעמפל און א באשטעטיגונג אויף די ברכה.

אין די טעג פון חנוכה וואס מיר דערמאנען זיך ווידער פון די מלחמה פון אונזערע אבות אקעגן די וואס ווילן אפשוואכן די אמונה, איז זיכער א פאסיגע און מסוגל'דיגע צייט זיך צו מחזק זיין פון דאסניי "להודות ולהלל לשמך הגדול" - דורך ענטפערן 'אמן' ווי עס דארף צו זיין.

א גוט שבת און א פרייליכן חנוכה

יעקב דוד מארמארשטיין

# די מארגעדזש איז אפגעצאלט געווארן, און עס איז נאך געבליבן...

די אפציעלע בריוו וואס איז אנגעקומען אין יענעם ווינטערדיגן טאג צו די הויז פון פאמיליע ק. אין בארא פארק וואס איז ניו יארק האט זיי אינגאנצן נישט איבערראשט. שוין עטליכע חדשים וואס הרב ק. האט נישט די מעגליכקייט צו קענען צוריק צאלן די מארגעדזש וואס ער גענומען פארן צוועק פון קויפן זיין הויז, און האט גוט געוואוסט אז די באנק וועט נישט פארשווייגן א לאנגע צייט...

טראץ וואס ער האט זיך געגרייט אויף זיין אנקום, האבן די הענט פון הרב ק. געטרייסלט ווען ער האט געעפענט די בריוו, און דאס הארץ האט אים געפלאטערט ווען ער האט געליינט וואס עס שטייט געשריבן מיט קלארע ווערטער, אויב אין די קומענדיגע 90 טעג וועט נישט באצאלט ווערן די מארגעדזש, וועט די באנק טראכטן וואס צו טון...

די טעג זענען שנעל אריבערגעפלויגן. טראץ זיינע סאך השתדלות האט הרב ק. נישט מצליח געווען צו שאפן אפילו א האלבע פון די סומע ◦אס האט זיך געפאדערט, און ער האט נישט געוואוסט ווי זיך אהין צו טראגן פון גרויס צער. אויך אן דעם חוב פון די מארגעדזש, האט ער זיך קוים געקענט ספראווען מיט די הוצאות צו אויפהאלטן זיין געבענטשטע פאמיליע. די אלע פינאנציעלע קוועלער וואס זענען אים געקומען אויפן געדאנק, זענען שוין אינגאנצן אויסגענוצט געווארן, קיינער וויל אים נישט פארבארגן אפילו איין פרוטה, וואס זאל ער יעצט טון ווען העכער אים הענגט נאך א חוב פון צענדליגער טויזנטער דאלארן? איז ער טאקע גע'אורטיילט געווארן צו ווערן ארויס געווארפן מיט זיין הויזגעזינד אויפן גאס?!



די פאליציי סטאנציע אין דענווער - קאלאראדא

עטליכע שלאפלאזע נעכט זענען אריבער אויף אים ביז ער האט זיך געוואגט מיטצוטיילן איינער פון זיינע נאנטע חברים איבער זיין ענגשאפט. אין לויף פון לאנגע מינוטן האט ער אויסגעגאסן זיין הארץ ווען זיין פריינד הערט זיך צו מיט ווייטאג. עס האט אויסגעזען אז זיין הארץ וועט צובראכן הערנדיג די צרה פון זיין נאנטן פריינד.

לאנגע מינוטן פון שטילקייט זענען דורכגעגאנגען ביז דער חבר האט זיך געגעבן א שאקל און זיך אויפגעהויבן פון פלאץ. ער איז צוגעגאנגען צו די ספרים-שאנק און ארויסגענומען פון דארט א 'משנה-ברורה' חלק ב, און נאכן מישן אביסל האט ער אויפגעליינט וואס דער משנה ברורה ברענגט אנהויב סימן קפח אין נאמען פון ב"ח:

"עס שטייט אין ספר החינוך: יעדער וואס איז נזהר אין ברכת המזון - זענען זיינע שפייז גרייט פאר אים אלע זיינע יארן בכבוד. און דער ערליכער זאל אכטונג געבן לכתחלה צו בענטשן אינעווייניג".

"מיין טייערער פריינד", האט דער חבר געזאגט פאר הרב ק. "צו מיין ווייטאג קען איך דיר נישט אויסשטרעקן א פינאנציעלער הילף, אבער איך קען דיר ראטן מקיים זיין די עצה פון ספר החינוך. פרוביר אנשליסן זיין פאמיליע אין דעם, איך בין זיכער אז די פארזיכערטע הבטחה פונעם 'ספר החינוך' וועט מקויים ווערן".

הרב ק. האט עס דערהערט און אריינגענומען אין זיך. אנקומענדיג אהיים האט ער צוזאם גערופן זיין פאמיליע, ציטירט פאר זיי די ווערטער פון 'חינוך', און פארגעשלאגן זיי זאלן זיך צושטעלן צו אים צו מחזק זיין די ענין פון ברכת המזון. צו זיין גרויסע פרייד האבן זיך אלע אנגענומען זיין בקשה, און פון יענעם טאג און ווייטער האבן אלע מיטגלידער פון פאמיליע ק. געבענטש אינעווייניג - אן נאכלאזן.

פונקט אין יענע צייט, אין די גרעניצן פון דענווער, קאלאראדא, האט דער לאקאלער פאליציי הויפט באשלאסן אז ער דארף פארברייטערן די פאליציי סטאנציע געביידע.

צו דעם האט זיך אויסגעפעלט אפקויפן די באדן וואס איז געווען נאנט צו די סטאנציע. א קורצע אויספארשונג האט אנטפלעקט אז די פלאץ איז געקויפט געווארן מיט אסאך יארן צוריק דורך א איד פון ניו יארק, וואס ווען ער איז אוועק פון וועלט איז עס אריבער בירושה צו זיין זון וואס וואוינט אויך אין ניו יארק. עס איז געווען א שטיינערדיגע ערד און א וויסטע געגנט וואס איז געקויפט געווארן אויף א ביליגן פרייז און זינט דעמאלטס איז עס כמעט ווי נישט מער טייערער געווארן.

דער הויפט פאליציי האט נישט געהאט ק◦ן ברירה, נאר רופן דעם א◦גנטומער פון דער באדן, און אפקויפן לויט די פר◦ז ◦אס ער ◦עט פאדערן. אבער דער בעל הבית איז געווען קיין אנדערער ווי הרב ק.,, און ווען ער האט פארשטאנען ווער טוט זיך אינטערעסירן אין זיין באדן, האבן זיך מיטאמאל פארשארפערט זיינע געשעפט'ס חושים, און א ציטער פון התרגשות איז אדורך אין זיין קערפער; "אויב די דענווער פאליציי אליין איז אזוי אינטערעסירט אין מיין טעריטאריע, זעט אויס אז עס איז זייער וויכטיג פאר זיי" האט הרב ק. פארשטאנען און האט באלד אנגעהויבן צו בעטן זייער א הויכן פרייז. דער הויפט-פאליציי האט פרובירט צו האנדלען, אבער צוליב דעם וואס ער האט נישט געדארפט צאלן די סומע פון זיין אייגענע קעשענע, האט ער יא צוגעשטימט צו די גרויסע סומע, און דער אפמאך איז אונטערגעשריבן געווארן צו די צופרידנהייט פון אלעמען.

עטליכע טעג שפעטער האט די פאליציי אריבערגעפירט צו די אקאונט (חשבון) פון הרב ק. עטליכע מיליאן דאלער וואס האט אים מיטאמאל רייך געמאכט. יעצט האט זיך אויסגעפעלט צוגיין צו די נעגטסטע באנק, אראפ נעמען עטליכע פראצענט וואס ער האט באקומען פאר די באדן און מיט דעם ענדיגן דעם גאנצן חוב פון די מארגעדזש.

פון דער טאג און ווייטער האט די הויז פון פאמיליע ק. געהערט פאר זיי, און די באנק זאל עפעס זיין דא פארבינדן. אויך די שוועריקייטן אין פרנסה וואס האט זיי געדרוקט איז פון זיי אוועקגענומען געווארן. די סומע וואס ער האט באקומען האט ער אינוועסטירט אין עטליכע פלעצער, און מצליח געווען.

ביזן היינטיגן טאג, אויב ענק וועלן אריינגיין אין די הויז פון פאמיליע ק. ביים בענטשן, וועלן ענק קענען זען וויאזוי יעדער פון די פאמיליע בענטשט מיט כוונה, אין א בענטשער, ווען יעדע ווארט גייט ארויס פון זייער מויל מיט א דביקות און ברען. און ענק זאלן זיך נישט וואונדערן אויף דעם, זיי האבן דאך זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן די ישועה פון השי"ת, ווען אין זכות פון בענטשן מיט כוונה איז ז◦ער טאטע איבערגעדרייט געווארן פון א פארפלאגטער און געפייניגטער מענטש, א בעל חוב פון צענדליגער טויזנטער דאלארן, אויף א רייכער און פארמעגליכער.

יא, טאקע אזוי, א פארגעסענע באדן און כמעט גארנישט ◦ערד ◦אס האט זיך געפונען אין די ◦◦טע דענ◦ער, איז מיט אמאל גע◦ארן א גאלד גרוב. פונקט אין דער זעלבער צייט וואס די פאמיליע ק. האבן אנגעה◦בן מקפיד זיין בענטשן ווי עס דארף צו זיין, איז אין מח פונעם דענווער הויפט-פאליציאנט אר◦ן חשק צו פארברייטערן דעם סטאנציע געביידע, און וועגן דעם זיך לאזן קאסטן א ריזן סומע וואס די פאמיליע ק. טוט נאך געניסן פון דעם ביזן היינטיגן טאג.

דער ערציילונג האט דערציילט הגאון רבי גמליאל ראבינאוויטץ פון ירושלים וואס האט עס געהערט פון די מויל פון בעל המעשה, אבער די דערהערער וואס מיר לערנען פון דעם איז אקטועל פאר יעדן איד; פון אונז ווערט געפאדערט אוועקגעבן נאר עטליכע מינוט צו טון די נוטיגע זאך - מקדיש זיין עטליכע מינוט צו זאגן א 'דאנק' ווי עס דארף צו זיין פאר אונזער פאטער אין הימל וואס שענקט אונז טובות אן קיין גרעניץ און מאס. לויט וואס מיר וועלן עס טון אויף מער א ריכטיגן וועג, וועלן מיר זוכה זיין עס זאל זיך עפענען פאר אונז די שערי שפע, פרנסה און ישועה.

"לקראת שבת מלכתא" עקב תש"פ

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## ברכת גאולה - ביי שחרית

### די מקור פון די ברכה

נאכן ליינען קריאת שמע של שחרית האבן די חכמים מתקן געווען זאגן איין ברכה, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער "אמת ויציב". די ברכה איז די דריטע און לעצטע פון די ברכות קריאת שמע וואס ווערן געזאגט בייטאג. דער 'לבוש' (או"ח נח א) ערקלערט אז די סיבה פארוואס מ'האט צוטיילט די זיבן ברכות פון קריאת שמע אויף פיר ביינאכט און דריי בייטאג, און נישט פארקערט - דריי ביינאכט און פיר בייטאג, ווייל די חכמים זאגן (פסחים ד א) "זריזין מקימין למצוות", און ווייל דער טאג הייבט אן זיך מיטן נאכט, דעריבער די פערטע ברכה לייגט מען צו ביי מעריב.

אין סידור חסידי אשכנז (עמ' צז) ווערט געברענגט אז די בני ארץ ישראל האבן געשיקט א בריוו פאר די בני בבל וואו דארט דערציילן זיי אויף א מגיפה וואס האט זיי אנגעטראפן און הונדערט מענטשן שטארבן יעדן טאג, האבן די בני בבל פארפאסט די ערשטע טייל פון די ברכה [פון 'אמת ויציב' ביז די ווערטער 'עזרת אבותינו'] וואס אין דעם שטיקל איז דא פונקט הונדערט ווערטער, און אזוי האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט.

### די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה לויבן מיר אויף די חסד וואס הקב"ה האט געטון מיט אונזערע עלטערן ווען ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, ער האט געשפאלטן פאר זיי די ים, און האט גע'הרג'עט די בכורים פון מצרים (טור או"ח סו).

די ברכה הייבט זיך נישט אן מיט 'ברוך', ווייל די ברכה איז 'סמוכה' צו די ברכות פון פאר קריאת שמע. די סיבה פארוואס קריאת שמע ווערט נישט גערעכנט ווי א 'הפסק', ווייל מ'דארף מסמיך זיין 'אמת' צו סוף קריאת שמע, ווערט די ברכה פאררעכענט ווי עס איז מחובר צו קריאת שמע (רשב"ם פסחים קד ב ד"ה וברכה אחרונה). אבער עס איז דא וואס האלטן אז די ברכה 'אמת ויציב' ווערט נישט אנגערופן 'סמוכה' צו די ברכות פון פאר קריאת שמע, און די סיבה פארוואס די ברכה הייבט זיך נישט אן מיט ברוך ווייל אזוי האט מען עס מתקן געווען (רשב"א ברכות יא א).

### די געבוי פון די ברכה

אין אמת'ן הייבט זיך די ברכה מיט די ווערטער "אמת ויציב", אבער מיר באהעפטן דיווארט "אמת" צו די ווארט "אלקיכם" וואס ענדיגט די קאפיטל 'ויאמר', אזוי ווי דער נביא האט געזאגט 'אלקים' נאנט צו 'אמת', אזוי ווי עס שטייט (ירמיה י י): "וה' אלקים אמת" (ברכות יד ב).

דער 'כלבו' שרייבט (סי' ט) אז די ברכה האט מען מתקן געווען לויט די דריי קאפיטלען פון קריאת שמע: "אמת אלקי עולם מלכנו" - אנטקעגן די ערשטע קאפיטל וואס דארט איז דא קבלת עול מלכות שמים; "אמת אשרי איש שישמע למצותיך" - אנטקעגן די צווייטע קאפיטל, וואס דארט איז דא קבלת עול מצוות; "אמת ממצרים גאלתנו" - אנטקעגן די קאפיטל 'ויאמר' וואס אין דעם ווערט דערמאנט יציאת מצרים.

די ברכה ענדיגן מיר מיט די בקשה: "צור ישראל קומה בעזרת ישראל..." (ראה ירושלמי ברכות א ו). דעריבער ביים ענטפערן אמן נאך די ברכה דארף מען אינזין האבן אזוי ווי מ'האט אינזין ביים ענטפערן אמן אויף ברכות וואס האבן אין זיך לויב און בקשה. אבער עס זענען דא וואס לייגן נישט צו א בקשה אויף די גאולה אין די ברכה, און לויט זיי דארף מען אינזין אזוי ווי מ'ענטפערט אמן אויף ברכות השבח (ראה 'ליקוטי מהרי"ח' ברכת ק"ש שלאחריה).

די ברכה דארף מען מסמיך זיין לתפילה (ברכות ד ב). און די פוסקים קריגן זיך (ראה שו"ע או"ח סו ז) צי ענטפערן אמן אויף די ברכה 'גאל ישראל' ווערט גערעכנט ווי א הפסק. כדי נישט אריינגיין אין א ספק פסק'נט דער 'משנה ברורה' (שם ס"ק לה) אז דער וואס דאוונט זאל ענדיגן די ברכה צוזאמען מיטן שליח ציבור און אזוי וועט ער נישט דארפן ענטפערן אמן.

### פופצן מאל אות ווא"ו

אין אנהויב די ברכה זענען דא פופצן ווערטער נאכאנאנד וואס הייבן זיך אן מיט די אות וא"ו. אין 'שבלי הלקט' (דין סדר ברכה שלאחריה) ברענגט ער אין נאמען פון די גאונים אז נאך וואס די חכמים האבן מתקן געווען זאגן יעדן טאג מאה ברכות, האבן זיי דערציילט פאר די אידן אין חו"ל די נייע תקנה און זיי געפרעגט צי זיי ווילן עס מקבל זיין. אלס ענטפער אויף דעם האבן די בני חו"ל מתקן געווען די אנהויב פון די ברכה, ווען זיי הייבן אן מיט פופצן ווערטער וואס הייבן זיך אן מיט אות ו', און דערנאך צוויי ווערטער וואס הייבן זיך אן מיט אות ה' ["הדבר הזה"], וואס די גימטרי' פון אלעס איז פונקט 'מאה'.

אין 'תיקוני זוהר' חדש (ח"ב פד א) ווערט געברענגט אז דער וואס קען נישט ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג זאל ער אינזין האבן ביי די פופצן ווי"ן, וואס צוזאמען מיטן אות א' פון די ווארט 'אמת' וואס שטייט פריער איז גימטרייה 'אמן'.

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז הקב"ה האט אונז ליב, און הלוואי זאל ער אריינגעבן אין אונזערע הערצער מיר זאלן פארשטיין די תורה און אויך זאל ער אויסלייזן די אידן פון גלות.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַתִּכְלֶינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע אֲשֶׁר הָיָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם; וַתְּחִלֶּינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב לָבוֹא" (מא נג-נד)

### 'מאה ברכות' ברענגט די שפע

דער בעל 'סדר היום' שרייבט (ענין מאה ברכות) אז דער וואס איז מקפיד זאגן די ברכות ווי עס דארף צו זיין איז מען משפיע אויף אים פון הימל שפע ברכה און פרנסה. אבער כדי די שפע זאל קומען צו אים בשלמות, דארף ער מקפיד זיין אנקומען צו די ציפער פון די ברכות וואס די חכמים האבן באשטימט - 'מאה ברכות' יעדן טאג.

מ'קען טרעפן אויף דעם א רמז אין אונזער פרשה, פון דעם וואס דער אונטערשייד פון די גימטרי' פון "שְׁנֵי הַשָּׂבָע" [= 737] צו די גימטרי' פון "שְׁנֵי הָרָעָב" [= 637] איז 'מאה' [= 100]. אונז צו לערנען אז די זכות פון זאגן מאה ברכות העלפט דעם מענטש אז זיינע יארן זאלן זיין זעטע יארן און נישט חלילה הונגער יארן ('גן אריה').

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# שחר אבקשך

פערל ווערטער
אויף די גרויסע מעלה פון השכמת הבוקר

## תפילה בזמנה – א סגולה אויף פרנסה

הקדוש רבי יחיאל מיכל מנעמירוב הי"ד זאגט:

מקפיד זיין אויף תפילה און קריאת שמע בזמנה איז א סגולה לפרנסה. א רמז אויף דעם קען טרעפן אין פסוק (תהלים קמה טו): "עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו" - פאר וועמען געבט הקב"ה פרנסה, פאר דער וואס איז מקפיד דאווענען "בעתו" - אין זמן תפילה ('שברי לוחות' הנהגות ודרך האדם אות ז).

## דער וואס קומט פריה אין שול איז זוכה צו אריכות ימים

אין מסכת ברכות (ח א) ווערט געברענגט אז רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פאר זיינע קינדער זיי זאלן קומען פריה אין שול און זיך דארט אויפהאלטן ביז א שפעטע צייט, אין דעם זכות וועלן זיי זוכה זיין צו אריכות ימים. מיט דעם טייטש דער של"ה הק' די בקשה פון דוד המלך (תהלים כג ו) "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי וְשַׁבְתִּי בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים"; אזוי האט דוד געזאגט: ווייל איך בין מקפיד אויפשטיין און זיך אויפהאלטן ביז שפעט "בבית ה'", בין איך פארזיכערט אז ווייגן דעם וועל איך זוכה זיין "לְאֹרֶךְ ימים". און יעצט איז מיר איבערגעבליבן נאר בעטן: "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי" - אז די טעג וואס איך האב זוכה געווען זאלן זיין גוטע טעג, און נישט חלילה ליידן שוועריקייטן און יסורים (של"ה מס' תמיד אות כו).

## קומען פריה צום דאווענען איז חשוב'ער פון דאס דאווענען אליין

דער ראש ישיבה רבי יהודה צדקה האט געזאגט:

דער וואס איז מקפיד צו קומען פריה אין שול פאר די צייט פון די דאווענען, דערציילט אונז אז דער מענטש וויל באמת דינען דעם באשעפער, און ער קומט נישט צום דאווענען נאר כדי 'יוצא זיין'. ווייל קומען פריה צום דאווענען לערנט אונז וואס דער מתפלל איז, דעריבער זאגן די חכמים (פאה א א) אז דער וואס קומט פריה אין שול באקומט שוין די פירות פון די שכר אויף דער וועלט, אין די צייט וואס אויף דאווענען אליין טרעפן מיר נישט אז עס איז צוגעזאגט אויף דעם אזא א שכר.

דאס האט דוד המלך באטאנט און געזאגט (תהלים קיט לב): "דֶּרֶךְ מִצְוֹתֶיךָ אָרוּץ". די עצם מקיים זיין מצוות לערנט אונז נישט אז ער איז טאקע דבוק אין ה' און וויל טון מצוות, אבער דאס לויפן און די זריזות מקיים זיין די מצוות דערציילט אונז אז ער וויל מקיים זיין די מצוות ('קול יהודה' ח"ב עמ' ט).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

חנוכה תשפ"א

**לכבוד די מערכת 'בני אמונים'**
**אין שפיץ פון הרב ר' יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א**

שלום וברכה

ביי אונזער משפחה איז מען שטארק מקפיד צו ענטפערן אמן. די מעגליכקייט צו זאגן 'ברכות השחר' אליין - עקזיסטירט נישט אין אונזער שטוב. אויך ווען מיר מוזן פארן, אדער צוליב עפעס א סיבה טוישן אונזער סדר היום, וועלן מיר שטענדיג פון פריער פלאנירן וויאזוי מיר קענען אויסשטעלן די סדר היום צוזאמען מיט זאגן ברכות השחר בחברותא.

מיר האבן זיך זייער געפריידט ווען אין די לעצטע הגרלה וואס איז פארגעקומען אין די ראם פון די טעלעפאן-ליין 'קול אמונים' האבן מיר געווינען א פארגעשריטענע קעמערע. אונזער שמחה איז נישט געווען נאר אויף די עצם געווינס, נאר אויך אויף די דערמאנונג וואס מיר האבן באקומען פון הימל דורך דעם - פון ענטפערן אמן פארדינט מען!

למעשה איך אליין דארף נישט קיין חיזוק... ווייל 'מבשרי אחזה' די גרויסע סגולה פון ענטפערן אמן; איך האנדל אין אזא פעלד וואס צוליב די קראנע איז עס זייער אפגעשוואכט געווארן, די מענטשן וואס האבן געארבעט אין דער פעלד וואס איך האב געארבעט האבן זייער שטארק דערלייגט און האבן פארלוירן זייער פרנסה. אין אנהויב איז מיר געווען שווער, איך האב זיך זייער מחזק געווען מיט זאגן מאה ברכות און ענטפערן אמן, איך האב געהערט ברכות השחר פון מער מענטשן, איך האב מקפיד געווען עס טון מיט מער כוונה. און עס האט זיך געלונגט. דורך א באזונדערע השגחה פרטית בין איך אריין אין א נייע פעלד פון אימפארטירן, איך האב נושא חן געווען אין די אויגן פונעם הויפט אימפארטירער, און מיטן הילף פון השי"ת אין די קורצע תקופה האב איך געזען אז איך ארבעט ווייניגער און איך טוה פארדינען מער...

איך שרייב דעם בריוו אינמיטן די חנוכה טעג וואס מיר זאגן ביי די תפילה פון 'על הניסים': "וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל", וואס קען ווערן פארערכענט אויף "להודות ולהלל" מער פון ברכות און אמן...

איך וועל ענדיגן מיט א רמז וואס איך האב נעכטן געטראכט בשעת'ן זאגן הלל, דער ערשטער שטיקל וואו מיר זאגן: "מְקִימִי מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן, לְהוֹשִׁיבִי עִם נְדִיבִים עִם נְדִיבֵי עַמּוֹ"; די סופי תיבות פון: "ירים אביון" איז בגימטריה ניינציג, אזוי אויך די סופי תיבות פון: "להושיבי עם נדיבים" איז גימטריה ניינציג; אין זכות פון מקפיד אויף ענטפערן ניינציג אמנים יעדן טאג האב איך זוכה געווען עס זאל ביי מיר מקויים ווערן: "מאשפות ירים אביון - להושיבי עם נדיבים".

בברכה
**ב.ר. - ירושלים**

---

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


די אלטע אידישע בית החיים אין ווארמייזא

## דער 'חות יאיר' זי"ע
## א' טבת תס"ב

רבי יאיר חיים בכרך איז געבוירן אין יאר שצ"ח צו זיין פאטער רבי משה שמעון ראב"ד ווארמייזא. ער האט געדינט אלס ראב"ד אין שטאט מאגענצא, און אין זיינע שפעטערדיגע יארן האט ער ערפילט זיין טאטנ'ס פלאץ אין ווארמייזא, און דארט איז ער באערדיגט. ער איז נפטר געווארן א' טבת תס"ב אין עלטער פון פיר און זעכציג יאר.

ער האט געשריבן אסאך ספרים וואס רוב פון זיי זענען פארלוירן געווארן אין די ביטערע יארן. זייענדיג דער עמוד ההוראה אין זיין דור זענען צו אים געוואנדן אסאך שאלות, זיינע תשובות האט ער געדרוקט אין זיין באקאנטן ספר, שו"ת 'חות יאיר'. אויך האט ער מחבר געווען א גרויסן חיבור אויף שולחן ערוך - אורח חיים, מיטן נאמען 'מקור חיים', וואס איז צום ערשטן מאל געדרוקט געווארן דורך 'מכון ירושלים' אין יאר תשל"ב.

## זיך דערנענטערן צום ש"ץ הערן די ברכות

איבער דער חוב פונעם שליח ציבור צו זאגן די 'ברכות השחר' אין שול פארן ציבור וואס הערט זיך צו און ענטפערט אמן, דערציילט דער 'חות יאיר': "איך האב געזען א מנהג פון די עלטערע לייט וואס זיצן ווייט פון ש"ץ, און זיי דערנענטערן זיך צום שליח ציבור בשעת'ן זאגן די ברכות כדי צו הערן גוט און ענטפערן אמן" ('מקור חיים' מו ב).

## צולייגן קאפ צו יעדע ברכה

מען דארף מקפיד זיין ענטפערן אמן מיט כוונה אויף יעדע ברכה. ספעציעל דארף מען אכטונג געבן און מעורר זיין אויף די סארט ברכות וואס מענטשן ענטפערן נישט אויף זיי אמן צוליב נישט צולייגן קאפ ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי די ברכה פון "המחזיר שכינתו לציון" און די ברכה "המברך את עמו ישראל בשלום" (שם קכד ו).